גרויס. פערלירען קענט איהר דאָך גאָר נישט, איהר קענט נאָר גע-
ווינען.

ווען פֿאַר איינינע יאָהרען צוריק האָבען די גריעכען אָנגעהויבען דעם קאַמפף מיט די טערקען וועגען דער אינזעל קרעטא — דאַן זענען געווען אַלע אויסזיכטען געגען די גריכען: די מאַכט פֿון דעם טירקישען מיליטער, אַלע אייראָפעאישע רעגירונגען זענען געווען אונצופֿריעדען מיט די גריכישע פרעטענזיעס, און נאָך מיין מיינונג זענען איבערהויפט טאַקי די גריכען געווען אומגערעכט, זייער מאָטיוו, דער גרונד צום קריעג איז

[illegible]
פרעזידענט פֿון דעם אונטערשטיצונגס-קאָמיטעט, איך בין געשטאַנען אין מיטען פֿון דעם אומגליק און עלענד און אַלעס מיט מיינע אייגענע אויגען אָנגעזעהן. דער יוד איבערהויפט איז אַבַּעַל-צְדָקָה, אַבַּעַל-רַחֲמִים און גיט נְדָבוֹת און צְדָקוֹת אויף אַלע זייטען, דער אונפֿערמעגליכער ווי דער רייכער, רַחֲמָנוּת און צְדָקָה ליגט אין זיין טֶבַע, דאָס איז אַמִדָה, וועלכע מיר האָבען גע׳יַרְשֶׁנט פֿון אונזערע עלטערנס עלטערן, פֿון דור דורות. די מִדָה איז אונז איבערגעגאַנגען אין בלוט און פֿלייש און בעוויזט קלאָר—

פֿעלעטאָן.

דער קורצער פֿרייטאָג.

אַן׳אמת׳ע מעשה.

איך זאָג אייך — הכל במזל תליא. אַלץ ווענדט זיך אָן גליק אַלץ העננט אָב פֿון מזל און ווייטער גאָר ניט. די קלענסטע זאַך שפּיעלט אַ כּאָל די גרעסטע ראָלע, און די וויכטיגסטע זאַך בעמערקט מען אפילו ניט, אַלץ אַ מזל. מילא ביי דעם מענשען איז דאָך געוויס דאָס מזל דער עיקר, ווי זאָגט מען עפּיס „בעסער אַ קווינט מזל איידער אַ טון גאָלד״. איינער איז זיך גרויס און שטאַרק און מע מאַכט גאָר קיין פירוש פֿון איהם, און דער אַנדערער איז אַ ברעקיל, אַ גאָר ניט, דאַכט זיך, און עס איז מלא כל הארץ כבודו, עס רודערט מיט איהם די וועלט. נאָר אפילו ניט ביי מענשען, אפילו ביי אַנדערע זאַכען אויף דער וועלט, העננט אויך אַלעס אָב פֿון מזל. וואָס דאַרפֿט איהר מעהר, דאַכט זיך, אַקלייניצקע מטבע, דער גראָשען, און פֿון דעסטוועגען אַז עס איז בעשערט כבוד איז וועמען רופֿען אונזערע חכמים „גדול״ — איהם, דעם גראָשען און אַז רבי שמעריל איז מנדב צו דער תורה ח״י גדולים איז ניט געמיינט חלילה ניט רובל, ניט טאָלער, ניט אימפּעריאַלען, נאָר — גראָשענס. — די אייגענע מעשה מיט טעג. דאַכט זיך, פֿיעל שענע ליעבע טעג זענען דאָ אין אַ קיילעכדיגען יאָהר, פֿיעל שענע, ליכטיגע, פֿרעהליכע, מיט בליהונג און יונגע גרינס אויסגע-פּוצטע מחיה׳דיגע וועסנעטעג, פֿיעל רוהיגע, לאַנגע, הייסע, מיט פֿאַרטיגע פֿרוכ-טען און צייטיגע תבואות בעלאָדענע זומערטעג, פֿיעל זילבערקלאָרע ווינטערטעג׳ מיט ברענעדיגע קנאַקעדיגע פֿרעסט, מיט גלאַנציגען קריסטאַלענעם שניי און ליכ-טיג׳ן הימעל, אין דאָך — אינטערעסירט מען זיך מיט קיינעם ניט אַזוי ווי מיט דעם קורצען פֿרייטאָג. אַ קליין ברעקיל טאָג, מעהרסטענס אַטונקלער, אַ קאַלטער און אַ חמאַרנער, און שפּיעלט אַ ראָלע מעהר ווי אַלע וואָכעדיגע טעג פֿון אַ
[illegible]

בּיי אונז אין חאנדריקוב, געדענק איך, איז דער קורצער פֿרייטאָג געווען ניט קיין געוועהנליכער טאָג, ווי אַלע טעג, וואָס פֿלעגען קומען און שלעפּען זיך לאַנגווייליג און פֿערשלאָפֿען איינער נאָך דעם אַנדערען, נאָר אַ גאַנץ בעזונ-דערער טאָג, אַנ׳אורח וואָס מען האָט זיך אויף איהם בעצייטענס געריכט און געמאַכט צוליעב איהם פֿיעל הכנות. און מיט עטליכע וואָכען פֿריהער פֿלעגען זיך פּראָסטערע בעלי-בּתים שבת אין שול אויסרעכענען, ווען געפֿאַלט דער קור-צער פֿרייטאָג און אַריינעמען דאָס גוט אין זינען. אַלע בעלי-בית׳טעס האָבען אָבגעוואַרט דעם אורח און בעמיהט זיך איהם געהעריג מקבל-פנים זיין, און מיט דריי טעג פֿריער האָט געוואוסט קינד און קייט אַז עס קומט אָן דער קורצער פֿרייטאָג. אַ שפּאַס צו זאָגען אַ טאָג — אַ מינוט, וואָס מע זעהט זיך ניט אַרום ווי ער געהט אַוועק, און דערצו אַ פֿרייטאָג, אַנ׳ערב-שבת, און ווי אויף צו להכעיס נאָך אַ מאַרק-טאָג. די גאַנצע נאַכט פֿון דאָנערשטאָג אויף פֿרייטאָג איז אין שטעדטיל געווען לעבעדיג און טומולדיג, פֿון אַלע פֿענסטער האָט געשיינט ליכט און די קראָמען זענען געשטאַנען אָפֿען ווי אַם העלען טאָג. אויף די גאַ-סען זענען אַרומגעגאַנגען לאַנטערנעס מיט גרויסע שוואַרצע שאָטענס פֿון מענשען הינטער זיך, און אומעטום האָט זיך געהערט רייד און געשריי. אין איינינע שטעלען האָט זיך געזעהן גאַנצע ליומינאַציעס, דאָס האָבען די מאַרק-ווייבער, הענדלערקעס, ערגיץ אין אַ ווינקעל הויף אָדער אויפ׳ן גאָרטען געסמאַ-ליעט גענז, פֿעטע אויסגעשטאָפּטע גענזליך וואָס האָבען צו פֿיעל הנאה געהאַט פֿון דער וועלט און דערפֿאַר האָבען זיי זיך געמוזט סמאַליען אין פֿייער און דערנאָך פּראַווען גלגול-שלג, ליגען אויסגעצויגען ווי די מליץ-יושר׳ים אין שניי, אויסקיהלען זיך, זיי זאָלען געבען מעהר שמאַלץ. די גאַנצע נאַכט האָט פֿון די קוימענס געוואַלעט רויך ווי ערב-פסח, מע האָט גע׳כשר׳ט אויבענס און געפּרע-געלט פסח׳דיגע שמאַלץ מיט גריבענס, נאָכדעם געבאַקען חלה אויף שבת, און רעכטע אשת חילים האָבען זיך אוספּראַוועט אין איין וועג אויסקאָכען דעם צי-מעס אויך. אין שול איז מען געווען אויף אַ גאַנצע נאַכט, אביסעל געלערענט און אפילו גע׳בטל׳ט, געקויפֿט בשותפות קאַלטע לעבערס, געבאַקען בולבעס און דערצעהלט מעשיות. אַ כלל גאַנץ חאנדריקוב האָט געלעבט, געוואַכט און ניט צוגעמאַכט אַנ׳אויג, און אַלץ לכבוד דעם קורצען פֿרייטאָג.

איינער פֿון די וועלכע פֿלעגען שטאַרק אין זינען האָבען דעם קורצען

יודען, זי קען זיך ווי פערמאַסקירען, פערטוליען און פערשטעלען זיך...
און וואָס איהר האָט מעהר מוֹרא, וואָס איהר שעמט זיך מעהר מיט דעם
נאָמען יוד, אַלץ מעהר לאַכט מען פון אייך, אַלץ מעהר האַסט מען און
פעראַכטעט אייך... צוויטויזענד יאָהר האָט איהר געלעבט אין פּחַד און
אין פערמאַסקירען זיך, אָבער ניט פיעל האָט איהר דערמיט געוואונען.
פּרוּווט דאָך ענדליך אַ מאָל אַוועקוואַרפען די מוֹרא, הערט אויף פער-
מאַסקירען זיך, זאַמעלט אייערע צערשטרייטע גלידער, גיט אין זיי אַריין
נייעס לעבען און זייט מוֹדה ווידער פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז איהר

דאָס גיבט דיר קיינע עווינקייט צוריק.
(דאָס וואָס דו האָסט אין דעם אויגענבליק אַוועקגעלאָזט
דאָס גיט דיר די עווינקייט קיינמאָל ניט צוריק).

דר. מ. מאַנדעלשטאַם.

אויף אייסצאהלען.

פאַר נישט פערמעגליכע לייט איז זעהר וויכטיג צו בעקומען די
מעגליכקייט צו קויפען פערשיעדענע שטוב־זאַכען און אינסטרומענטען

פרייטאָג איז געווען אונזער רב, רבי זיינוויל. איך גלויב אַז ביי דעם גרעסטען
מיניסטר איז ניט אַזוי איינגעטיילט די צייט אויפ'ן האָר, ווי ביי רבי זיינווילען
פלעגט זיין איינגעטיילט דער דאָזיגער פרייטאָג, פשוט אויסגערעכענט אין מינו-
טען. און ווי דען ניט? דאַווענען דאַכט זיך דאַרף מען, אָנבייסען אויך — פריי-
טאָג איז ניט קיין תענית — אין באָד געהן ערב-שבת — אַוודאי, די נעגיל אָפשניי-
דען, שמעקטאַבאַק אָנגרייטען און פיעל אַנדערע ערב שבת'דיגע מלאכות, דערצו
מאַכט זיך דאָך אַ שאלה, אַ פּיפיק מיט אַ נאָדיל, אַ צוזאַמענגעוואַקסענע פּאַ-
פערקע, אַ קורץ שטיקעל דין תורה צווישען צוויי מאַרק-יודען, און דאָ איז גאָר
קיין טאָג ניט, חמאַרנע און טונקעל און איידער מע גיט זיך אַ קער איז ליכט
בענשען. דאַרום פלעגט רבי זיינווילע אַלע ווילע קוקען אויפ'ן זייגער, געקנייטשט
דעם לוח, געטאַפּט אַלע רגע דעם דופק ביי דער שקיעה און געקאַרגט יעדע
מינוט אום בעצייטענס מיט אַלץ פאַרטיג צו ווערען נאָר ווידער די אייגענע
מעשה — אַלץ איז מזל און ווייטער גאָר ניט און אַז עס איז בעשערט אַן אוממ-
גליק העלפט ניט קיין היטען זיך, הערט אַ מעשה.

עס איז געווען גראָד דער קורצער פרייטאָג. רבי זיינוויל איז ווי גע-
וועהנליך אויפגעשטאַנען פאַר טאָג. האָט אָפגעלערענט זיינע פאָר בלעטער גמרא
אין גענומען טראַכטען מכח דאַווענען. מיט אַ מאָל קומט אַריין אַ פויער אין אַ
פעלץ, מיט אַ לאַנגער בייטש, מיט אַ וואָגען שניי אויף די שטיוועל, מיט אָנגע-
פראָרענע וואָנצען, טראָגט אָן פול דאָס ספרים-שטיבעל מיט קעלט און ווינט,
שלעפט אַרויס פון קוטשמע אַ צונויפגעקנייטשט בריוועל און דערלאַנגט דעם רב.
וואָס איז? — בעריל בייבאַך, דער רייכער ישוב'ניק פון דער סביבה. בעט דעם
רב אויף אַ ברית ביי זיין יונגער שנור, איז איהם מכבד מיט סנדק, און שיקט
נאָך איהם אַ פורה. בעריל בייבאַך איז אפילו לא עלינו ניט געווען קיין גרויסער
שרייבער, און זיינע בריוועלעך זענען ניט געווען אַזוי גרינג צו לייענען, נאָר דאָס
מאָל האָט דער רב גלייך פערשטאַנען דאָס ענין, ווייל דאָס בריוועל האָט גע-
האַט צו זיך עטליכע פרושים. דער ערשטער פרוש איז געווען — אַ צאַפּעלדי-
גער דריירובלדיגער, וועלכע איז געווען איינגעקנייטשט אין פנים, און האָט פער-
ענטפערט אַלע גרייזען. באַלד נאָך דעם האָט דער פויער יורקע אַריינגעטראָגען
דעם צווייטען פירוש, אַ זאַק בולבעס מיט אַ איבעריגען גאַנדער. להרחב באור
האָט נאָך דער ישוב'ניק געשיקט זיין גרויסען פעלץ מיט אַ פאָר וואָילעקעס,

דעם רב זאָל זיין וואַרעם צו פאָהרען. ניט אָננעהמען אַזאַ איינלאַדונג נאַטירליך
פאַסט דאָך ניט, בפרט רבי זיינוויל איז ערשט ניט לאַנג רב געוואָרען, האָט גע-
האַט ווי עס פיהרט זיך אַ צד שכנגד, אין איינ'ברוגז'ן אַזאַ בעל-הבית האָט
איהם ניט געלוינט, דערצו איז איהם טאַקי דאָס לעבען אויך גענוג נודנע
געווען און אויספאָהרען זיך אַביסעל, אָפּפרישען זיך, האָט איהם גאַנץ גוט פער-
שמעקט און דער רב האָט זיך באַלד גענומען צוגרייטען צו דער נסיעה. די
רביצין האָט אפילו געזאָגט אַז עס איז אַ ריזיקע אונטערנעמען אַזאַ נסיעה אַם
קורצען פרייטאָג, נאָר רבי זיינוויל האָט קיין זאַך ניט געוואָלט הערען, ער איז
געזעסען גאַנצע טעג פערראומעט און פער'חשך'ט אין ספרים שטיבעל, און האָט
איצט גאָר אָפגעלעבט, ער איז אַרומגעלאָפען פערסמאַיעט איבער'ן שטוב, ניט
צו פערגעסען וואָס נייטיגעס, און באַלד איז ער געווען פיקס און פערטיג. אויס-
געפּוצט אין די שבת'דיגע זופּעצע, אויבען דעם פיינעם פעלציל זיינעם, און נאָך
אויבען דעם גרויסען שווערען פעלץ בעריל בייבאַך'ס, מיט'ן רויטען גאַרטיל
און אַ פאָר וואָילעקעס ווי די קלעצער, וועלכע ער האָט קוים כח געהאַט צו
שלעפען. און ווען ער וואָלט זיך ניט אַרויסגעזעהן פון צווישען דעם גרויסען קאָל-
נער די מאָגערע צירקעלע מיט דעם שפּיציגען בערדיל וואָלט מען געקענט מיי-
נען, מי-יודע וואָס פאַר אַ גבור, אַ פּאָניע, אַ גזלן עס שטעקט דרינען. דער רבי
האָט זיך געזעצט אין גרויסען שליטען, ברייטליך צושפּרייט. איינגעדעקט די פיס
מיט היי און היידא אויף דער רייזע.

דער וועג איז געווען גוט. מיט איניגע טעג צוריק איז געוואָרען רעכט
ווינטער. דער פרישער שניי האָט געבלישטשעט און פרעהליך געחרוסצעט, דער
שליטען האָט זיך געגליטשט ווי אויף אַ גלאָז, יורקע האָט לוסטיג אונטערגע-
פייפט און די נסיעה האָט גאָר ניט געדויערט. אין אַ שעה צייט ביז עס איז גוט
ליכטיג געוואָרען, איז שוין דער רב געווען אין דאָרף אין דער גרויסער געמוי-
ערטער קרעטשמע, וואו עס האָבען אויף איהם געוואַרט דער בעל-שמחה מיט'ן
גאַנצען ע[illegible]ס. נאָכ'ן ברייטען שלום-עליכם האָט מען געטרונקען אַ גלעזיל וואַ-
רעמס או[illegible] באַלד געשטעלט זיך דאַווענען מיט'ן מנין ווי געהעריג. פון דער סביבה
זענען ז[illegible] צוזאַמענגעקומען אַ פאָר מנינים יודען, עס האָט זיך אַרויסגעוויזען אַז
דער [illegible]ב וואָס איז געקומען קויפען אין דאָרף קעלבליך איז אַ רעכטער בעל-
תפלה, זיין שעהן קול האָט נאָך מעהר פערשענערט דאָס דאַווענען און זעהר גע-

שטראָף, אַז אויב דער קונה וועט פֿערשפּעטיגען איין ראַטע, ווערט די [illegible] בטל, די זאַך געהט צוריק צום מוכר און די בעצאָהלטע ראַטען ווערען פֿערפֿאַלען.

אום זיך נאָך בעסער צו פֿערזאָרגען איז דער מוכר געפֿאַלען נאָך אויף איין המצאה, ער רעדט זיך אויס, און דער קונה התמ׳ט איהם, אַז די זאַך, וואָס ווערט געקויפֿט און פֿערקויפֿט אויף אויסצאָהלען, געהט איבער פֿון מוכר צום קונה אַלס אייגענטהום ערשט נאָך דעם, ווען עס וועט איינגעצאָהלט ווערען די לעצטע ראַטע, ביז דאַהין אָבער בעקומט [illegible] שוואַכער.

אַרויסגעהענדיג פֿון דעם שטאַנדפּונקט האָט דאָס געזעץ פֿערווערט ליהווע, לאָזט עס נישט אויסצאָהלען די אַרבייטער מיט קוויטליך אויף שפּייז און געטרענק, נאָר מיט באַר געלד, מאַכט עס פֿעסטע טערמינען, ווען מען מוז דעם אַרבייטער צאָהלען וכדומה.

דאָס רוסישע געזעץ נעמט זיך יעצט (ווי עס בענאַכריכטיגט דער קוריער וואַרשאַווסקי נו׳ 398) צום רעגוליערען דעם קאָנטראַקט אויף אויסצאַהלען.

פֿ־עהט די עטליכע ווייבער. ער האָט אפילו אַביסעל מאריך געווען, און געפּוטעט אין די עברי. נאָר קיינעם האָט דאָס ניט געטשעפּעט, אדרבה פֿאַר וואָ[ס] ניט אַביסעל הנאה האָבען פֿון דער וועלט, און אַלע זענען געווען העכסט צופֿרידען. מע האָט גע׳פּטר׳ט דעם ברית, דעם קליינעם יודעלע אָפּגעטהון זיין רעכט, און אַ צאַפּעלדיגען מיט פֿערפּענטענטע הענדליך און פֿיסליך, רויט ווי אַ בוריקיל און אַ קוויטשענדיגען אַהן אַנ׳אָטהעם האָט מען איהם משלח געווען צו די ווייבער און גענומען זיך צום מיטאָג. אַ מיטאָג האָט בעריל געמאַכט מיט דער פֿולער האנד כיד המלך; אַ מכניס אורח איז ער געווען אַלע מאָל, בפרט גאָט האָט איהם מזכה געווען דערלעבען דאָס ערשטע אייניקיל. האָט ער זיך אַרויסגעגעבען, ווי מע זאָגט, אויף וואָס די וועלט שטעהט, און האָט קיין זאַך ניט געקאַרגט. פֿלייש און פֿיש לרוב, גאַנצע שיסלען „פּשוט אָהן חכמות" אַ צימעס פֿון צימעסלאַנד מיט געפֿולטע העלזליך און ברוסט. אַביסעל בראַנפֿען פֿערשטעהט זיך האָט אויך ניט געפֿעהלט און דוקא אַ רעכט ביסעל, אַ גוטער טראָפּען ווידער „פּשוט אָהן חכמות", אַ הויל ביסעל שפּירעט וואָס מע רופֿט, און דער עולם האָט זיך פֿעסט גענומען צו דער אַרבייט. בעריל האָט זיך צוהוליעט, די ברייטע פֿעטע צורה מיט דער גרויסער געלער באָרד האָט געפֿלאַקערט, די אויגען האָבען ביי איהם געבלישטשעט. דעם ווייב האָט ער גערופֿען באָבע, זיך — זיידע, געפֿאַלען דעם רב אויפֿ׳ן האַלז קושען זיך, און האָט אַרויף געטראָגען פֿון טיעפֿען קעלער אַ פֿרעשעלע פֿון אַלטען בראָנפֿען, געל ווי בוימעל. די געסט האָבען זיך ניט געלאָזט בעטען און האָבען אָפּגעגעבען דעם אַלטען שנאַפּס כל הכבוד. אַ כלל מע האָט זיך פֿערבראַכט בכבוד, שען און פֿיין. און איידער מע האָט זיך אַרומגעזעהן איז געוואָרען דער זייגער איינס. רבי זיינוווילע האָט אַ פּאָר מאָל אפילו דערמאַנט אַז איהם איז צייט צו פֿאָהרען, נאָר בעריל האָט גאָר ניט געוואָלט הערען, לחיים, רבי, און ווידער לחיים, און טאַקי לחיים רבי, הלואי זאָל מען זוכה זיין, לחיים!"

גם ושתי המלכה עשתה משתה בבית הנשים. די בייבאך׳יכע האָט אויך געמאַכט אַ מאָלצייט אין קיך, פֿאַר די דינסטען מיט׳ן פּאַראָבעק מיט אַ פּאָר שכנים, אין אויך יורקע איז געווען פֿון די גרויסע געסט. יורקע האָט זיך זעהר משמח געווען וואָס מען האָט דעם קליינעם יודעלע דאָרטען אין קרעטשמע געמאַכט פֿאַר אַ מענש, און האָט זיך אויף דער שמחה ניט געלאָזט בעטען, האָט אַריינגעגאָסען אחת ואחת, צאַפּענדיג פֿון פֿעסיל פֿאַר די אורחים, און איז קוים געשטאַנען אויף די פֿיס.

אַז דער רב האָט זיך לסוף אַרויסגעקליבען פֿאָהרען אַהיים איז שוין געווען קרוב אַ זייגער צוויי און עס האָט אָנגעהויבען ווערען דונקלער. אויפֿ׳ן גאַס איז געוואָרען חמאַרנע. דער פֿראָסט איז געפֿאַלען און אַ פֿריש שנייעלע האָט זיך פאַמעליך אָנגעהויבען שיטען. וואַרעם איז רבי זיינוולען געווען אין פעלץ ווי אין אַנ׳אויער, אינווענינג האָט איהם אויך גוט צעוואַרעמט, דאָס אַלטע ביסעל בראָנפֿען איז א גוט פֿייער־טעפּיל, דער שליטען האָט זיך גלאַט אָהן רעש געגליטשט, דער ווייכער שניי האָט זיך לאַנגזאַם געשאָטען ווי פֿערשלאָפֿען, און פֿול געמאַכט די גאַנצע לופֿט ווי מיט לייכטע פוך, רבי זיינווילע האָט זיך גוט איינגעטוליעט, אַריינגעקראָכען ווי אַ קרויט אין דעם היי און — איז געשמאַק אַנשלאָפֿען געוואָרען.

יורקע האָט פֿון אָנהויב וועג אַביסעל גערעדט צום פֿערד עפּיס שלא כדרך, און ווי מען איז אַביסעל איינגעפֿאָהרען איז ער — גם כן איינגעשלאָפֿען און האָט זיך פֿערלאָזט אויף דעם וואָס פֿיהרט די גאַנצע וועלט, ער זאָל אויך איהם פֿיהרען ווי צום בעסטען.

דער איינציגער וואַכער און ניכטערער פֿון אונזערע רייזענדע איז געבליבען סיווקע דער אַלטער גרויער פֿערד, נאָר אַ פֿערד, מישטיינס געזאָגט, בלייבט אַ פֿערד, און אַז ער האָט דערפֿיהלט אַז ער איז אָהן אדונים, אַז פֿאַר איהם איז אַ פֿרייע וועלט, איז ער זיך באַלד אַראָפּ פֿון דרך הישר, און האָט זיך געלאָזט וואַנדערען אויף זייטיגע וועגליך און שטעגליך. אויב איהם איז געלעגען אין זינען די זומערדיגע גרינע לאָנקעס מיט דעם פֿרישען היי און ער האָט זיך דאָס אַוועקגעלאָזט זוכען יענעס שענע לאַנד, אָדער ער האָט גלאַט פֿערלאָרען דעם וועג און איז געגאַנגען ווי אַ בלינדער, ווי די מעשה איז, ער האָט זיך אַ היבשע פּאָר שעה אַרומגעשלעפּט אָהן אַ טאָלק איבער וועגליך און שטעגליך, לאָנקעס און וועלדליך, פֿערטראַכטערהייט געהענדיג וואו די פֿיס האָבען געטראָגען. פלוצלינג אָבער האָט ער עפּיס דערזעהן אָדער דערהערט, האָט זיך דערשראָקען, האָט זיך אַ וואָרף געגעבען אויף אַ זייט, פֿערטשעפּעט מיט׳ן שליטען אָן אַ פּיען

ענגלישע סאָלדאַטען. די פֿערשטאַרקונג פֿון דער ענגלישער אַרמעע איז די טראַנסוואַלער נור דאַן ניט מאַכען קיין גרויסע שוועריגקייטען, ווען זיי וועלען ביז צו יענער צייט בעוויזען איינצונעמען לעדיסמיט, ווייל דורך דעם וועלען פֿריי ווערען 10000 בויערן, וואָס זענען איצט פֿערנומען מיט דער בעלאַגערונג. ווי עס ווייזט אויס, נעמען זיך איצט די טראַנסוואַלער ענערגישער צום קאַמפּף מיט לעדיסמיט, אָבער צונעמען מיט געוואַלט און שטורם די שטאָדט וועלען מסתּמא די טראַנסוואַלער ניט ריזיקירען.

שטאַרקער.

ענגלאַנד אָבער, האָטש זי איז זעהר אונצופֿרידען מיט דער רעגירונג, וואָס זי האָט זיך אַריינגעלאָזען אין אַ מלחמה מיט טראַנסוואַל, איידער זי האָט זיך צוגעגרייט צו איהר, איז נאָך אַלץ פֿון דעסטוועגען ווייט פֿון שלום און זי זוכט נאָך אַלץ מיטלען ווי גובר צו זיין די קליינע רעפּובליק. אויפֿ׳ן גרענעץ פֿון טראַנסוואַל, ביים ברעג ים ציהט זיך אַ פּאָרטוגאַלישעס לאַנד דעלאַגאָאַ. דורך דעלאַגאָאַ וואָלט געווען די ענג-

---

און טראַך — רבי זיינווילע מיט להבדיל יורקע זענען געבליבען ליגען אין שניי.

אַז רבי זיינווילע האָט זיך ווי עס איז האַלב טויט האַלב לעבעדיג אַרויס געקראַבקעט פֿון שניי און אַוועקגעשטעלט זיך אויף די פֿיס, איז דער ערשטער געדאַנק, וואָס איז איהם דורכגעלאָפֿען ווי אַ בליץ דורכ׳ן מוח געווען „שבת!" גוואַלד שבת! עס איז איהם דורכגעלאָפֿען אַ פֿראָסט דורך אַלע גלידער און עס האָט איהם אָנגעהויבען טרעסלען ווי קדחת; אַ קאַלטער שווייס האָט איהם אַרויס-געשלאָגען און ער איז געבליבען שטעהן ווי אַ ליימענער גולם, מיט גלעזערנע אויגען געקוקט און געקוקט גלייך פֿאַר זיך, ניט וויסענדיג אויף וואָסער וועלט ער איז. יורקע האָט זיך געלאָזט חאַפּען דעם פֿערד און פֿעררעכטען דעם שפּאַן. און רבי זיינווילע איז אַלץ געשטאַנען און געשטאַנען. דורכ׳ן קאָפּ זענען איהם געפֿלויגען טויזענדער געדאַנקען, עס האָט איהם געהילכט אין די אויערן און שבת! שבת! האָט ווי טיטוס׳עס פֿליג געגעבערט איהם אין מאַרך. אַז ער איז אַביסעל געקומען צו זיך איז געווען זיין ערשטע דעה — צו בלייבען דאָ און ניט ריהרען זיך פֿון אָרט, זאָל זיין וואָס עס וויל. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אַרום און אַרום. פֿון איין זייט איז געווען אַ וואַלד, הויכע בוימער מיט לאַנגע געדיכטע צווייגען זענען געשטאַנען אָנגעבלאָזען און בייז און משונה׳דיג שטיל, פֿון דער אַנדערער זייט אַ גרויסע לאָנקע, ווייס און בלאַס ווי דער טויט, ווי אַ בית-עלמין, אויף וועלכען עס האָבען זיך אַרויסגעזעהן טויזענדער מצבות, קליינע קורטינעס, וואָס האָבען אַרויסגעקוקט פֿון שניי. די טיעפֿע חמאַרנע ווינטערנאַכט האָט אויף איהם געקוקט מיט טויזענד פֿערפֿראָרענע גלעזערנע אויגען, און איז פֿון אַלע זייטען געקראָכען צו איהם, ווי זי וואָלט איהם וועלען איינשלינגען. רבי זיינוולען איז בעפֿאַלען טויט שרעקעניש, און דער רעיון צו בלייבען אין וואַלד איז שוואַכער געוואָרען. דער דארער שוואַכער גוף האָט זיך שטאַרק איזבונטע-וועט געגען אַזאַ מסירת נפש, און מיט אַלע רמ"ח פֿערטרוקענטע אברים, מיט אַלע שס"ה שוואַכע אָדערען האָט ער געשריגען אין איין קול „לעבען, גוואַלד! איך וויל נאָך לעבען!" און רבי זיינווילע האָט אָנגעהויבען מודה זיין אַז בלייבען אין וואַלד איז טאַקי אַ גרויסע סכנה. ערשטענס די קעלט. פֿאַלענדיג האָט ער אָנגעשעפּט פֿולע וואוילעקעס מיט שניי, דער גאַרטיל האָט זיך אָבגעבונדען, און דער שפּיץ נאָז מיט די פֿינגער האָבען אָנגעהויבען פֿריערען און שטעכען ווי מיט נאָדלען. הײנט גזלנים. מילא שדים חאָטש עס שטעהט וועגען דעם אין ספרים קען זיין איז טאַקי אין אונזערע מקומות ניטאָ, אָבער גזלנים. אין שטעדטיל פֿלעגט מען פֿיעל דערצעהלען פֿון זייערע מעשיות מיט זייערע גבורות, און אָט אָט שפּרינגען זיי אַרויס און מאַכען מיט איהם אַנ׳עק. אמת, ער האָט ביי זיך ניט אַ גראָשען און זיי האָבען ביי איהם ניט וואָס צו גזלנ׳ען, אָבער וואָס העלפֿט דאָס, פֿריער קוילעט מען און נאָכדעם ערשט ראַבעוועט מען, אַז מע וואָלט געקענט פֿריער ראַבעווען און נאָכדעם קוילען, וואָלט אַודאי געווען אַנ-דערש און פֿיעל מענשען וואָלטען געבליבען לעבען. אַצוגאָב נאָך ווילדע חיות. צוריסען ווערען פֿון אַ חיה רעה איז אויך ניט קיין מאכל, און חיות איז אין וואַלד אָהן אַ שעור, און רבי זיינווילע האָט שוין אין זיין שרעקעניש געזעהן ווי עס קריכען פֿון די לעכער הונגריגע וועלף און גלאַנצען מיט די פֿייעריגע אויגען פֿון אונטער די קורטעס; דאָרט טרעשצעט עפּיס גרויעליג, דאָס קומט מסתּמא רבי בער אליין, אין גרויסען פעלץ מיט די לאַפּעס מיט די נעגעל און באַלד וועט ער איהם שמאָקצען דעם מאַרך, און גלאַט פֿיקס און מיני האָזען און כּתּם חיות רעות. ניין, ניין ער וויל בשום אופן ניט שטאַרבען, און איז ניט מחויב צו שטאַרבען, פֿאַהרען איז אַ שבות, און בפרט אַזאַ שוגג. אַ קיצור, יורקע האָט צוגערעכט געמאַכט דעם שליטען און רבי זיינווילע האָט זיך מיט אַזועהטאָג אין האַרצען ווי עס איז אַריינגעזעצט.

לא עליכם כל עוברי דרך! איך ווינש דעם ערגסטען שונא ניט אַזאַ נסיעה, ווי רבי זיינווילע האָט געהאַט. די לאַנגע לאַנגע חמאַרנע ווינטערנאַכט האָט זיך געצויגען אָהן אַסוף, געשלעפּט ווי פֿון פּעך. די גרויסע בעריאָזעס, מיט די הוילע דאַרע צווייגען, ווי שיטערע צופּודערטע האָר, זענען געשטאַנען ביים וועג אין געשאָקעלט מיט די קאָסמאַטע קעפּ און געפּינטעלט מיט די אויגען; די גראָבע דעמבעס, מיט ווייסע שנייענע קוטשמעס, זענען געשטאַנען ווי איינגעגראָבען און פֿערשעמט און שטיל געהודזעט. יונגע גרינע יאָלקעס האָבען אַרויס-געשטעקט די שפּיציגע קעפּליך פֿון אונטער דער שנייווייסע קאָלדרע און האָבען פֿערוואונדערט געקוקט ווי ר׳ זיינווילע פֿאָהרט אום שבת. און רבי זיינווילע איז געזעסען האַלב טויט און פֿערקלעמט און האָט געטראַכט אין געזיפּצט שווער און ביטער. דער שליטען האָט זיך געוואָרפֿען אין אַלע זייטען, געשלעפּט זיך אָהן אַ וועג איבער געאַקערטע פעלדער, קניטעס און בערגליך, יורקע האָט געשאָל-טען מיט הילכיגע טויטע קללות דעם פֿערד וואָס האָט שוין קוים געשלעפּט

[illegible] ען, האָט האָבען געהאַט פערשידענע ריכטונגען, די פּאַרטייען האָבען דעם קאַמפף איבער די שפּראַכען אינטערעסירט איהם ווענינ. ער איז אַ טיכטיגער פּערוואַלטער און אַ עהרליכער בעאַמטער, און איצט נעמט ער אויף זיך אויסצואַרבייטען און צו בעשטימען דעם בודזשעט און צו רעגולירען פֿערשידענע פֿינאַנץ־פֿראַגע צווישען עסטרייך און אונגאַרן. — זיין ערשטער שריט איז געווען צו פֿערמאַכען דעם פּאַרלאַמענט, ווייל ער מוז דאָס אַלעס דורכפֿיהרען לויט דעם 14טען פּונקט פֿון דער עסט־

[illegible] ער זיך געשטעלט אין קאַמפף קעגען דעם אֱמֶת. דער קאַמפף האָט איהם געפֿיהר[illegible]ליך ווייטער, ביז ער איז געקומען צו דער פֿאָדערונג, אַז די גאַנצע איצטיגע רעגירונג, מיט'ן פּרעזידענט, מיט'ן פּאַרלאַמענט און סענאַט דאַרפֿען אָפּגעשאַפֿט ווערען און אַז עס דאַרף געשאַפֿען ווערען אַ נייע רעפּובליקאַנישע אָרדנונג אין דער רעגירונג און פֿערוואַלטונג. בְּשַׁעַת ס'איז געווען דעם פּרעזידענטס פּאָר'ס לְוָיָה, האָט ער געפּרוּווט געווינען אויף זיין זייט די אַרמעע, איהר איבערצורעדען צו געהן מיט איהם געגען

די פּיס און פֿון וועלכען עס האָט געשלאָגען אַ פּארע. און די נאכט, די לאנגע חמאהנע נאכט האט געהויזעט אויף אלע פֿיער משונהדיג געקרעכצט, געסאפעט און געקוקט, געקוקט אויף דעם אונגליקליכען רבי זיינווילע, און געקלעמט געקלעמט איהם דאָס הארץ, אָהן אשיעור אָהן אנ׳עק. ערשט שפּעט נאָך האלבער נאכט האָט זיך יורקע ארויסגעשלאגען אויף א וועג און דער שליטען האָט זיך דערשלעפּט צו עפּיס אנ׳אומבעקאנטע קרעטשמע, וואָס איז געשטאנען ניט ווייט פֿון א דאָרף, גאנץ אָבגעזונדערט, מיט אבארג שניי אויפֿן שטרויענעם דאך און מיט אָנגעפֿראָרענע קליינע פֿענסטערליך. — פֿאָהרען ווייטער האָט יורקע בשום אופֿן ניט געוואָלט, דער פֿערד האָט קוים געפּלאָנטעט מיט די פּיס און רבי זיינווילע איז ניט וועלענדיג אריין אין קרעטשמע, וועלכע עס האָט איהם געעפֿענט אני אלטער באָרוויסער פּויער. אין קרעטשמע איז געווען פּוסט און קאלט, די הויזלייט זענען טיעף געשלאָפֿען אין דער זייטיגע קאמער, אויפֿ'ן טיש, וועלכער איז געווען בעדעקט מיט א ווייס טישטוך, זענען געשטאנען שבת׳דיגע מעשענע לייכטערס און זענען געלעגען ברעקליך פֿון דער וועטשערע.

ר׳ זיינוויל האָט זיך אָהן כחות אוועקגעלעגט אויף דער הארטער לאנגער באנק. מיעד איז ער געווען ווי מוצאי יום כפור. דער קאָפּ האָט גערוישט די קעלט האָט איהם געטרייסעלט דורך און דורך. און דאָך האָט ער לאנג ניט געקאָנט שלאָפֿען. צו פֿערטרייבען די טרויריגע געדאנקען, האָט ער געפּרוּפֿט זאָגען „על חטא", מכון זיין הרהור תשובה, חזר'ן אויסווענינ משניות, און ערשט אין אַ צייט ארום איז איהם בעפֿאלען א שווערער שלאָף. ער איז געלעגען ווי א קלאָץ און טיעפֿע זיפֿצער האָבען אָפֿט געשטערט זיין אָטהעם.

און די לאנגע ווינטערנאכט האָט זיך אלץ געצויגען און געצויגען, ביז עס האָבען אָנגעהויבען קרעהען הענער, און דורך די פֿערפֿראָרענע פֿענסטער האָט זיך אָנגעהויבען אריינקוקען א סערע ליכטיגקייט. יורקע גלאָמפּ, דער קרעטשמער, האָט זיך שוין געשמאק אויסגעשלאָפֿען און חאָטש שבת האָט ער ניט געהאט וואָס צו טהון פֿארטאָג, איז ער פֿון געוואָנהייט אויפֿגעשטאנען, ברייט אויסגעגענעצט זיך, ארויפֿגעשלעפּט דעם פּעלציל און ארויס פֿון קאמער — אין קרעטשעם אריין. ער זעהט, איינער ליגט אויפֿ'ן באנק און חראָפּעט. ער געהט צו, טהוט ארוק אונטערען קאָלדער — און פּלוצלינג איז ער געבליבען שטעהן ווי

אנ׳איבערגעשמיסענער. דער רב !!! ער האָט זיך גענומען רייבען די אויגען און זיי ניט געוואלט גלויבען. דער רב ליגט זיך צונויפֿגעדרייט אין דרייען, מיט א בלייכען פנים, ליגט און שלאָפֿט. רבונו של עולם, וואָס טהוט זיך מיט מיר, בין איך שכור, צי משוגע, עס קען ניט זיין. ער לויפֿט ארויס אויפֿ'ן גאס און פֿרעגט דעם קעלנער, און יורקע זאָגט זיך פּראָסט אז דאָס איז טאקע דער רב, אין פֿאָהרט פֿון א ברית. יורקען האָבען זיך די האָר אויפֿגעשטעלט קאפּויר, דער שווערער מוח האָט אָנגעהויבען ארבייטען, און פּלוצלינג האָט זיך יורקע געגעבען א פּאטש אין שטערן, אז דער שארבען האָט געטרעשציט. יורקע בהמה! וואָס פֿערשטייסטו ניט. מסתמא האָב איך א טעות געהאט און היינט איז ניט שבת, נאָר פֿרייטאג אָדער זונטאג. יע יע, אנדערש קען ניט זיין א גאַנצע וואָך איז מען פֿערדרעהט און פֿערהאָרעוועט מיט די פּויערען, און עס איז קיין חדוש ניט אז מע זאָל פֿערגעסען, וואו מע האלט אין דער וועלט. נא דיר אנ׳עסק! ווי יודקע איז געווען פּראָסט און א גרויסער עם הארץ, פֿון דעסטוועגען, האָט ער בעקומען שרעקליכע יסורים, און ניט געוואוסט וואו ער זאָל זיך אהין טהון פֿון בזיונות. שטייץ אזא חרפּה, א יוד, זאָל ניט וויסען ווען צו פּראווען שבת. עס וועט דאָך מיט איהם אויף זיין די וועלט. ער וועט די אויגען ניט קענען ווייזען אין שטעדטיל, און דאָ דארף מען נאָך אָנקומען צו לייטען, א מאייד ווי א קלאָץ, וואָס מע דארף טהון א שרוף. געוואלד, וואָס טהוט מען? יורקע איז געווען א פּראָסטער חי וקים, לאנג טראכטען האָט ער ניט געקענט, און ער האָט זיך באלד געחאפּט צו דער ארבייט, פֿעררכטען ווי עס איז דעם טעות און פֿערגלעטען ווי ווייט מעגליך. גאט צו דאנקען דער רב שלאָפֿט געשמאק, אפשר האָט ער נאָך גאָר ניט געמערקט און קיינער וועט פֿון דער גאנצער מעשה ניט וויסען. קודם כל האט ער אקאָרסט אראָפּ געחאפּט די לייכטער פֿון טיש, אראָפּגעשלעפּט דעם טישטוך און גענומען זיך מאכען וואכעדיג אין שטוב

די ווייב מיט די קינדער האָט ער באלד ארויס געהויבען פֿון בעט, און געהייסען אָנטהין זיך וואכעדיג און נעמען זיך צו די וואכעדיגע מלאכות. די יורענע האָט אפילו געפּרוּפֿט ניט וועלען פֿאָלגען, נאָר יודקע איז אריין אין כעס, האָט שטיל געשיפּעט ווי אשלאנג „בהמה, רייד ניט", ביז זי האָט פֿערשטאַנען און אין שטוב איז געוואָרען א „ותּהום", אגאנצער יריד, דעם קוגעל מיט דעם גאנצען טשאָלענט האָט מען שטילערהייט געבעטען מחילה און משלח געווען לעזאָזל,

קאמפף פאר דער אויפלעבונג פון אונזער היילינגען לאנד, אונזער פערגעסענער רייכער היילינגער שפראך פון אונזער פערפאלגטען, צוזייעטען פאלק!

איך וויל אייך ניט שרעקען, מיינע ליעבע ברידער און שוועסטער מיט דעם וואס איך רוף אן די שטילע, רוהיגע ארבייטער פון אונזערע ערשטע קאלאניסטען — פאר א קאמפף מיט אפפער מיט ליידען און שמערצען, ווייל די וואס ווילען פאר איין אידעאל ארבייטען טארען זיך ניט שרעקען; די וואס דענקען אבער דאס עס ערווארטעט זיי דא באלד און זיכערסטע, וועלכע עס קען נור געבען ווען די הדרה'ער העלדען וועלען נור אימשטאנד זיין אויסצוהאלטען. הדרה איז ניט נור. גוט פאר קערבוי, נאר אויך פאר וויינגערטנער; זי האט אויך לאנד פאר באיארעס (פאמעראנצען און ציטרינען), זי האט אויך לאנקעס פאר פיה; א האלבע שעה פון דער קאלאניע האט זי איהר אייגענעם פארט ביים ים, וואו עס קומען זומער די זעגעלשיפען אבצונעמען די בעריהמטע אין דער גאנצער געגענד ארבוזען, וואסער-מעלאנען. אויך געטריידע און אנדערע פראדוקטען.

איינגעהייצט דעם אויבען, און גענומען האקען און קלאפען. יודקע אליין האט אויסגעטראכט אלע מיטלען צו מאכען וואס וואכעדיגער און פערטרייבען יעדען חשד, ער האט געקאמאנדעוועט מע זאל איינמאכען אדויזע מיט ברויט, האט אנגעטהון די אלטע היטעל מיטין פערשמאלצענעם פעלץ, אויף איין ארבעל פארקאשערט און גענומען לייגען תפלין און זאגען ברכות, די גרויסע מויד האט בעקומען אקלאפ און ניט געסמייעט אפיפס טהון נאר געגלאצט מיט די אויגען און געשיילט בולבעס. מיט איין ווארט, אין איין ווייל' האט זיך איבערגעביטען די גאנצע דעקאראציע און פון אשטילען רוהיגען שבת-פריה איז געווא-ען אטומולדיגער וואכען טאג, מיט אלע קליפערליך, און אז רבי זיינווילע האט זיך לסוף אויפגעהאפט און געעפענט די אויגען, האט ער אנגעקוקט די קרעטשעם מיט דיזעלבע שטומע פערענדערונגען פונקט ווי פריהער אווייל'ע האט אויף איהם געקוקט יודקע, און האט אויך ניט געקענט פערשטעהן וואס דא טוהט זיך. געקומען איז ער שבת ביי נאכט, דאס טישטוך איז געלעגען און די לייכטער, צוויי מעשענע עדות זענען געשטאנען אויפ'ן טיש און אהן דבורים עדות געזאגט אז עס איז שבת אויף דער וועלט, און יעצט איז שוין גאר אין דער וואכען. ווי רבי זיינוועלין איז געוועזן אויפ'ן הארץ קענט איהר אליין פערשטעהן, יעדער געדאנק וואס האט איהם דערמאנט זיין אומגליק און זיין פאלאזעניע, האט איהם געלעכערט ווי פיילען, און ער איז חאטש גערען געוועזן אז יודקע האט איהם אריינגערוקט שלום און אבגעטרעטען כלומרשט ווי ער האלט און דאווענען. יודקע האט מורא געהאט אריינלאזען זיך אין לאנגע דבורים, און רבי זיינווילע האט אויך ווייניג חשק געהאט מאכען אגרויסען ווערסדען פון זיין קומען. נא, האט ער געטראכט, ווי עס ווייזט, איז ער אגאנצען מעת לעת אפגעלעגען ווי טויט אין הינערפלעט, און אז ער האט דערזעהן דורכ'ן פענסטער אז יורקע האט שוין איינגעשפאנט האט ער בשפה רפה אפגעזאגט יודקען דעם זייט געזונד און ווי אגנב ארויס געמאכט זיך פון שטוב.—

און ווידער איז געשטאנען אשענער ווינטער פריה מארגען. דער בלויער הימעל האט בעשיינט די וועלט. דער פרישער שניי האט געגלאנצט און געדרוסעט אונטער דעם שליטען, די זון האט פרעהליך געשיינט און האט אויסגעשאסען אין אגאלדענעם געלעכטער, שווארצע וואראנעס זענען לוסטיג און לעבעדיג אריינגעשפרונגען איבער'ן וועג, און א פרישער ווינטעלע האט געשפיעלט מיט די בוימער און געפלוידערט מיט די צווייגליך, וועלכע זענען געווען בעהאנגען מיט זילבערנע קריסטאלענע פליטערליך, ווי קארשענבוימער מיט בליהונג. די נסיעה האט ניט לאנג געדויערט און פונקט אויף אזייגער אז דער גאנצער עולם איז געגאנגען פון שול און בעת די גאס איז געווען פול מיט אויסגעפוצטע ווייבער און יודען מיט טליתים אונטער די פעלצען און עס האט זיך געהערט פון אלע זייטען „גוט שבת, גוט שבת", איז ווי אדונער צווישען אשטאדע שעפסען אריינגעפאלען דער שליטען מיט'ן רב, וועלכער איז נאכ'ן ערשטען גוט-שבת וואס האט איהם אקלונג געגעבען אין די אויערן געפאלען אין חלשות.—

עטליכע וואכען איז רבי זיינוועלע געלעגען קראנק אויף געהירן ענטצינדונג, איז געווען אנרויסער מסוכן, און האט געפאכעט מיט דער נשמה. די שטעדטיל האט זעהר מיטלייד געהאט מיט איהם, קיינער האט ניט געסמייעט לאכען פון זיין אומגליק, אדרבה, אפילו דער צד שכנגד איז געווא-ען צו געטהון צו איהם, געגאנגען איהם יעדען טאג מבקר חולה זיין און געהאלפען ווי ווייט מעגליך. בערקע באיבאך האט דאס לעבען געלייגט, געשיקט אייער און הינער און פלעש'ליך וויין, מיט אמזומנ'עם גראשען אויך. באלד ווי ער איז געזונד געווארען האט ר' זיינווילע צוזאמען גערופען דעם עולם, האט שטארק געוויינט און האט זיי אפגעגעבען דעם כתב-רבנות מיט דעם חשבון פו: תלמוד תורה. עס האט ניט געהאלפען קיין ביט און קיין בעט, ער איז פעסט בעשטאנען דארויף אז איוד וואס איז געפאהרען אים שבת דארף און טאר קען רב ניט זיין אין א יודישער שטאדט, און קרוב פאר פסח איז ער ארויס געפאהרען אין גאנצען ערגיץ ווייט אין חערסאנער גוב', וואו ער איז געווארען א מלמד, און ווי איך האב געהערט לעבט ער אין גרויס דחקות, ער טהוט נאך אליץ תשובה אויף די אונשולדיגע עבירה, פאסט אונטער אפט א שני-וחמישי, און יעדען פרייטאג געהט ער ארום קלייבען אויף חברה שומרי-שבת אין נעכטיגט אין שול.

ל—ן.